באַריכט פון „יהודית" גיזעלשאַפט אין וואַרשע

# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאן

| ב״ה, לאדזש-קראָקע-וואַרשע. | נומער 104 | צענטער יאָרגאַנג | אייר תרצ״ג |
|---|---|---|---|



**תוכן:** א״ג פרידנזאן—צום סדר־היום. צייט־שטימונגען—שרה שענירער. יואל אונגער—פיר יאָר „יהודית" אַרביט. א״ז פרידמאַן — די „יהודית" אַרביט אין ליכט פון פאַקטן און ציפערן. אַרום דער „יהודית"־קאָלאָניע-נאָטיצן. דאָס לעבן זייף דער קאָלאָניע—אסתר גאָלדשטאָף. י. ל. אָרלעאַן — פאַלשע חשבונות. ז. שאַכנאָוויטש—מערקווירדיקע נישטאָ. ר״פ—דאָס שפּיגעלע. אליעזר שינדלער—פון שיר־השירים. אלימלך שטייער – בלוטיקע שאָטנס — בלוטיקע צייכנס. שרה שענירער. אונדזערע אויפגאַבן אַצינד. העשיל קלעפּפיש – מיצקעוויטש און יידן. א. שינדלער—פרילינג־ליד. ידיעות, מודעות, בילדער.


## צום סֵדר הַיום // א״ג פרידנזאן

### עת צרה היא ליעקב...

**אין** מיטן העלן טאָג האָט זיך פאַרוואָלקנט דער יידישער הימל אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס באַרימטע קולטורעלע דייטשלאַנד, האָט זיך דערמאַנט אין זיין ווילדן גערמאַנישן יחוס, און געקרוינט פאַר זיין פירער דעם צורר ישראל אַדאָלף היטלער, וועלכער האָט באַלד נאָך זיין אַרויפדראַפּן זיך אויף דער קאַנצלער־שטול, זיך גענומען צו דער אינקוויזיטאָרישער מלאכה ווי טאַרקוואַמאַדע בשעתו. במשך די פאַר וואָכן, וואָס היטלער פירט אָן מיט דער דייטשער מלוכה, האָט ער זיך כשר פאַרדינט דעם נאָמען „גרויס־אינקוויזיטאָר פון דריטן דייטשן רייך".

דאָס וואָס די היטלערישע אינקוויזיציע האָט אָפּגעטון פאַר די לעצטע פאַר וואָכן, שטייגט אַ סך אַריבער די מעשים תעתועים פון פיל בלוטיקע יידן־פיינט אין די פאַרשיידנסטע תקופות. פון דער מאַרטירער־געשיכטע פון יידישן פאָלק.

אַזוי פיל בזיון, שפיכת־דמים, פייניקונגען, רשעותדיקע שטיקים, חיהשע ווילדקייטן, גרויל־ענויים, וואָס ס׳האָבן אויסגעפירט די גאַסן־יונגען פונים „דערוואַכנדן" היטלעריסטישן גערמאַנער־לאַנד איבערן ששים־רבואדיקן יידישן קיבוץ, קען מיט גאָרנישט פאַרגלייכט ווערן. דער עיקר טוט עס וויי, וואָס די אַלע גרויל־סצענעס זענען עפנטלעך געדעקט געוואָרן דורך אָפיציעלע מלוכה־פירער און טאַקע אין גאַנצן דורך זיי אינסצעניזירט געוואָרן.

די גרויסע אייראָפּעאישע וועלט חידושט זיך, און די געציילטע איידעלע אמתע קולטור־מענטשן פון די אומות־העולם קענען נישט אויפהייבן די קעפּ פאַר בושה און — זיי שווייגן!

פון צייט צו צייט רייסט זיך אַפילו דורך אַ פּראָטעסט־שטים פון אַ פּאַרלאַמענטאַריער אָדער סתם פּאָליטיקער, וואָס שרייט אָן אויף די ברוין־העמדלדיקע בעסטיעס, בכלל אָבער איז אַ שטיל־שווייגן פון די „בעסערע גייסטער" פון אייראָפּע.

וואו זענען אַהינגעקומען די אַלע דענקער, דיכטער און קינסטלער פון דער קולטורעלער אייראָפּע? זיי זענען שטום ווי די מדבר! און אפשר שעמען זיי זיך טאַקע און זאָגן שטיל זייערע קינות אויף די אַלע שיינע פראַזעאָלאָגישע מליצות פון מענטשן־רעכט, מענטשן־ליבע, איידלקייט און הומאַניטעט, וואָס איז ביי זיי אַזוי כסדר אויף זייערע ליפּן.

דער אונטערמענטש פון דייטשן פאָלק, די אונטערוועלט פון דער דייטשער מדינה איז ביי דער מאַכט, און וואָס האָט דאָ צו זאָגן, גייסט, קולטור און דער מענטש, וואָס האָט אויף זיך נאָך אַ שטיקל צלם אלקים? — — —

* * *

ביים גאַנצן צער, וואָס מיר פילן מיט צו אונדזערע יידישע ברידער אין דייטשלאַנד אָן חילוק, מוזן מיר פונדעסט מאַכן אַ שטיקל דין וחשבון מיט זיך אַליין. אמת, ס׳טוט אונדז וויי דאָס באַרויבן די רעכט פונים דייטשן ייד, אַפילו דעם אַסימילירטסטן און פרייסטן. די רדיפות אויף אונדזערע דייטשע ברידער איז אַ פועל־יוצא פון דער גיפטיקער גערמאַנישער ראַסן־טעאָריע, און ממילא איז שוין יעדער גירוידפטער און באַליידיקטער דייטשער ייד אַ קדוש! אף־על־פּי־כן קען אונדזער שטעלונג אין דער יעצטיקער גורל־שעה בנוגע דעם דייטשן יידנטום נישט זיין קיין אַנדערע ווי די שטעלונג פון די יידן חרדים אין דייטשלאַנד גופא, וועלכע האָבן בשום אופן נישט חוטא געווען מיט אַסימילאַציע. פון זיך אַליין - פאַרלייקנען אַלס יידן, און טאַקע אַלס אמתע יידן מיט יידישקייט.

מיר לייענען אין די לעצטע נומערן פון אָרטאָדאָקסישן „איזראַעליט" כסדרדיקע אַרטיקלען, וואָס רופן די דייטשע יידן צוריק צום יידנטום און צו יידישקייט. זייער טרעפלעך פאַרגלייכט דער „איזראַעליט" די רדיפות אויף די יידן אין דייטשלאַנד, מיט די רדיפות אויף יידן אין אַמאָליקן רוסלאַנד מיט דער אגדה, וואָס דערציילט אונדז דעם שמועס צווישן דעם תנא רבי עקיבא און פּפּוס בן יהודא, וועלכע זענען ביידע געזעסן אין תפיסה, נאָר מיטן חילוק, וואָס רבי עקיבא איז פאַרפּייניקט געוואָרן צוליב זיין פאַרשפּרייטן תורה, און פּפּוס בן יהודא נאָר צוליב דברים בטלים...

העכער הונדערט יאָר האָבן דער רוב דייטשע יידן געלעבט אין אַ ביטערן טעות, מיינענדיק, אַז וואָס נעענטער זיי וועלן זיך צוזאַמענלעבן מיט די גויים, אַלס זיכערער און איינגעזעסענער זיי זענען אינים לאַנד. ס׳האָט אָבער ווי מיר זעען אַצינד, נישט געהאָלפן דאָס אויסמישן זיך אין לשון און לבוש, ס׳האָט גאָרנישט געקענט ווירקן אַפילו דאָס אויסצייכענען זיך אין דער דייטשער קולטור, וויסנשאַפט און קונסט.

איינשטיין, וואַסערמאַן, לודוויק, ריינהאַרדט פייכטוואַנגער, און נאָך פריערדיקע פון זיי: בערנע, לעססינג, היינע און פיל אַנדערע, די אַלע גרויסע קעפּ, וואָס האָבן דערהויבן דעם נאָמען פון דייטשן פאָלק, צו אַ קולטור־פאָלק פון דער העכסטער מדריגה, זייער זכות האָט גאָרנישט געקענט בייטשטיין און


הארכיון היהודי
הודפס מתוך הארכיון היהודי

# די אַרבּיט פאַר דער זומער קאָלאָניע „יהודית" אין ליכט פון ציפערן

## (סטאַטיסטיק און באַריכטן)

פון א. ז. פידמאַן

ווייל מין זיך באקאנין מיט אַנ־אָפּגיטועגע אַרבּיט איז אַמבּעסטן זיך צו באַקאַנין מיט די סטאַטיסטישע ציפערן און מיט די קאַסאַ־באַריכטן. דאָס זאָגט שטענדיק פיל מער ווי הונדערטער אַרטיקלין, אין וועלכע מע קאָן זעען פּראַזן און מליצות. ווייל ציפערן דאס זעגין אַזעלכע זאַכן, וואָס מוזן זיין קלאָר און דייטלעך מע קאָן זיי נישט גרעסער מאכן און נישט פארקלענערן און דעריבער זאָגן זיי אַלץ.

וויל מין אַלזא האָבן אַ באַגריף וועגן וואוקס פון דער אַרבּיט און וועגן דער מאָס ענערגיע וואָס איז גיווארן אָנגיוועגדיט ביים פונאנדערבוי און אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע „יהודית". דארף מין נאר שטעלן פאַראַלעל די סטאַטיסטישע ציפערן און די קאַסאַ באַריכטן פון די פיר יאָר, זייט דער פאַרבאַנד האט אָנגיהויבן זיין אַרבּיט און דאָס בילד וועט ממילא זיין קלאָר.

קודם כל וועגן דער צאָל קינדער וואָס האבן אַנטייל גינומין אין דער קאָלאָניע.

| יאָר | 1929 מראזי | 1930 אטוואצק | 1931 דלוגאשאדלע | 1932 דלוגאשאדלע |
|---|---|---|---|---|
| אַלגימיינע צאָל קינדער: | 62 | 245 | 390 | 355 |
| יינגלעך: | — | 80 | 125 | 120 |
| מיידלעך: | 62 | 165 | 265 | 235 * |
| גיצאָלט דעם פולן פּרייז: | 20 | 25 | 25 | 100 |
| הנחותדיקע: | 35 | 170 | 310 | 180 |
| בחנמדיקע: | 7 | 30 | 55 | 75 |

ווי מיר זעען אַלזא איז די שטייגערונג פון די קינדער גיוועזן פון יאָר צו יאָר א אונגיהויערע. און אויב אין לעצטן יאָר 1932 האט זיך, צוליב דעם פארשארפטן קריזיס און דאָס פארקלענערונג פון די סובסידיעס די צאָל נישט פארגרעסערט, אדרבה נאך אביסל פארקלענערט, איז אבער דאך געשטיגן די צאָל קינדער, וואס זענין אנגינו־ין גיווארן איינגאַנצן אָן געלט. עס איז אויך אין דעם יאָר שטאַרק גישטי־ן די צאָל פון גיצאלטע, ווייל ד־ער פּרייז איז שטאַרק פארקלענערט גיווארן אַזוי אַז די מיטלמעסיגע האבן שוין גיהאַט די מעגלעכקייט צו באצאלן דעם פולן פּרייז. אויף ווי ווייט דאָס האָבּן אנאייגינים בנין האט פארקלענערט די אויסגאַבן און מעגלעך גימאכט אנצונעמין אגרעסערע צאָל אָרימע קינדער און צו פארקלענערן די פּרייזן, איז צו זעען פון דער דאזיקער פארגלייכס־טאַבעלע וועגן די דורכשניט־לעכע קאסטן פון אויסהאלטן א קינד:

ארכיון אסופות

| יאָר | 1930 אטוואצק | 1931 דלוגאשאדלע | 1932 דלוגאשאדלע |
|---|---|---|---|
| בלויז עסן: | 68 זל. | 46 | 37—43 |
| מיט אלע אויסגאַבן | 114 זל. | 80 | 78—79 |

וועגן וואוקס פון דער אַרבּיט זאָגט אויך די פארגלייכס טאבעלע וועגן דעם פּער־זאנאַל וואס איז גיוועזן באשעפטיקט אין דער קאָלאָניע:

| | 1929 | 1930 | 1931 | 1932 |
|---|---|---|---|---|
| טעכנישער פּערסאנאַל | 1 | 7 | 11 | 10 |
| דער־ציערישער | 1 | 2 | 5 | 5 |

נעמין מיר די אַלגימיינע הוצאות פון דער קאָלאָניע שטעלט זיך פאַר אונדז פאַר אזאַ בילד וואָס זאָגט זייער פיל:

| 1929 | 1930 | 1931 | 1932 |
|---|---|---|---|
| 8004—53 | 25,689—72 | 33,536—58 | 23143—41 |

די עיקרדיקע הכנסות שטעלן זיך פאר אויף פאלגנדיקן אופן:

| יאָר | 1929 | 1930 | 1931 | 1932 |
|---|---|---|---|---|
| קינדער אָפּצאָל | 5230 | 9540 | 14678 | 14323 |
| פון ד. ד. ק. | — — | 10656 | 7178 | 4884 |
| אנדערע סובסידיעס | 1594 | 3920 | 2310 | 1140 |
| גיזאַמלטע נדבות | 896 | 1200 | 4119 | 1281 |

עס זעט זיך אַלזא ווי טראַץ דאָס וואַקסן פון די הוצאות זענין אבער די סובסידיעס פון ד. ד. ק. און פון אנדערע אינסטיטוציעס כסדר פארקלענערט גיווארן דאך אבער זענין אָנגישטרענגט גיווארן אלע כחות אויפצוברענגין גיהעריקע סומין פון נדבות און קלענערע זאמלונגין ווי פושקיס, אפצייכנונגין א. ד. ג.

אינים יאָר 1391 איז די פאזיציע נדבות גאר אנאנגיזעענע, ווייל אין יענים יאָר איז פאַרטיק גיווארן דער נייער בנין אין דלוגאשאדלע. און צוליב איר פּאָפּולאריטעט וואס איז גיוועזן זייער גרויס איז עס גילונגין צו זאמלין א גרעסערע סומע. איבער אלעם שטייגט אבער די ענערגיע און אנשטרענגונג וואס איז פארוועגדעט גיווארן ביים בוי פונים אייגינים בנין אין דלוגאשאדלע, וועלכער האט אפּגיקאסט ביז 55.000 זל.

### דער פינאַנס באַריכט פונים בוי איז פאלגנדער:

#### איינקונפטן:

| | |
|---|---|
| פון ד. ד. ק. און הילפס־פאריין דער דייטשן יידן (2000) | 17,813.50 |
| פון דער ווארשאווער קהלה | 3000.00 |
| קרן התורה צענטראלע ווין | 8900.00 |
| פאמיליע קירשברוין פאר א צימער אויפן נאמין פון פארשטארבינים ר' אלי' קירשברוין ז"ל | 894.00 |
| גיזאמילטע גרויסע און קליינע נדבות | 12887.80 |
| שולדיק גיבליבענע חובות | 10700.00 |
| | 54195.30 זל. |

#### אויסגאַבן:

| | |
|---|---|
| פארן פלאץ (40.000 קוו. מעטער) | 6000 — |
| פארן בנין (לויטן אפמאך) | 33000 — |
| מאנסארדע, פארקאן, וואש האלע, און פארשידענע צוגאב ארבּיט. | 10600 — |
| אקטן שטייער, מעקלעריי אינזשיניער און אויפזיכט. | 2824.80 |
| אדמיניסטראציע, פּראפּאגאנדא, אינקאסא און פארשידענע אויסגאַבן. | 1770.50 |
| | 54,195.30 זל. |

מיר זעען אלזא, אַז קרוב 14000 זל. זענין גיווארן אויפגיברענגט בלויז פון נדבית. און נעמנדיק אין אכט אַז גרעסערע נדבות פון 10 זל. אן איז נור גיוועזן (לויט דער



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אַרום דעם בּנין פון דער „יהודית“-קאָלאָניע

## די גרונדשטיין־פייערונג

איז פאָרגיקומין י״ב ניסן תרצ״א. עס האָבּן זיך בּאַ־טייליקט אַ גאַנצע ריי אָרטאָדאָק. פּערזענליכקייטן. די עפינונג-רעדע האָט גיהאַלטן ר׳ יואל אונגער. דעם פאָרזיץ פון די פייערונג האָט גיפירט ראַטמאַן א. בּ. עקערמאַן, וועלכער האָט אויך פאָרגילייענט אַ פאָר־מיטינים אַקט אין להק און פּויליש, וואָס איז גי־וואָרן איינגימויערט אין פונדאַמענט פונים בּנין. דעם



## ה׳ יואל אונגער

גרינדער פון „יהודית“

ערשטן שטיין האָט גילייגט דער דלוגאָשאַדלער רב פּאָמעראַנץ, דערנאָך דער סטאַראָסטאַ ד״ר רובּטשיק, דערנאָך פאָרשטייער פון דער שטאָט-מאַכט. פּרעזיס

רשימה) העכער 6000 זל. הייסט עס, אַז אַן-ערך 7000 זל. איז גישאַפן גיוואָרן פון קליינע גראָשנדיקע נדבות און ווען מע וועט נאָך נעמין אין אַכט, אַז די גאַנצע אַדמיניסטראַציע, פּראָפּאַגאַנדע, אינקאַסאָ און אַנדערע אויסגאַבּן פונים גאַנצן בּוי האָבּן נאָר בּאַטראָפן 1770 זל. וועט מין ערשט פאַרשטיין וויפל איבּערגיגעבּינע, אַנגישטרענגטע און אידעאַליסטישע אַרבּיט עס האָט זיך גיפאָדערט פון די גיבּיילטע עסקנים אַזאַ אַקציע אַדורכצופירן.

די חובות פון פאַרבּאַנד זענין יעצט סך־הכּל אַן-ערך פון 8000 זל. אין דער צייט ווען דער פּלאַץ, דער בּנין און אַלע איינריכטונגין האָבּן דעם ווערט פון גוטע 60000 זל. עס פאָדערט זיך אָבּער דעם בּנין צו פאַרפאָלקאָמין, פאַרענדיקן די מאַנסאַרדע (יועט זיין פּלאַץ פאַר נאָך 300 קינדער). איינאָרדנין וואַסער-לייטונג, עלעקטריע א. ד. גל. און צו דעם דאַרף די אָרט. גיזעלשאַפט צוהעלפן, דאַן וועט דער בּנין ווירקליך זיין לשם ולתפארת.

אַלזאָ מיט אַ בּילאַנס פון צונויפגיזאַמלטע און אויס־גיגעבּינע 145 טויזנט זל. און אַפּגיראַטיווייטע 1032 קינדער, וואָס האָבּן זיך דערהאַלטן און דערקוויקט אין אונדזער קאָלאָניע, קומט יעצט „יהודית“ צו דער גיזעלשאַפט און פאַר דעם אַליין. איז זי שוין ווערט-גישט קיין דאַנק, מיר פאַרלאַנגין עס נישט—נאָר פולשטענדיקע אַנערקענונג און אונטערשטיצונג.

פון דער קהלה ה׳ אברהם איזמאַן א א.וו. בּאַגריסונגין האָבּן גיהאַלטן פּרנס א״ז פרידמאַן, רעד. א״מ ראַגאָווי, דירעקטאָר י. ל. אָרלעאַן און דער יו״ר פון די דלו־גאָשאַדלער צעירים ה׳ צוקער. דערנאָך איז פאָרגי־קומין אַ פייערלעכער בּאַנקעט און שפּעט אין אָוונט איז דער גאַנצער עולם צוריקגיפאָרן קיין וואַרשע.

## דער חנוכּת־הבּית

איז פאָרגיקומין כ״ח סיון תרצ״א בּיי דער בּאַטייליקונג פון עטלעכע טויזנט געסט און די פירנדע פּער־זענלעכקייטן פון אָרט. יידנטום אין פּוילן.

עס האָבּן גיהאַלטן רעדיס די ה״ה דיר. יואל אונגער, פּרנס א״ז פרידמאַן, הרב יצחק מאיר לעווין, הר׳ משה דייטשער, די רבנים פון דלוגאָשאַדלע, רוזשאַן און גאָוואַרווע, ראַטמאַן טראַקנהיים, ראַטמאַן גוטגעלד, ראַטמאַן א״ב עקערמאַן, דירעקטאָר י. ל. אָרלעאַן, רעדאַקטאָר א״מ ראַגאָווי, רעדאַקטאָר א״ג פרידנזאָן, רעדאַקטאָר א״מ קראַנגאַרד א. אַ. עס איז אויך אַפּגי־הילט גיוואָרן דאָס בּילד פון הר׳ אלי׳ קירשבּרוין ז״ל, וואָס העגנט אינים שפּייזע-זאַל אין דער אַנ־וועזנהייט פונים עלטסטן זון ר׳ דוד קירשבּרוין און די פרוי קירשבּרוין. שריפטלעכע בּאַגריסונגין האָבּן צוגישיקט צו דער פייערונג דער „דזשאָינט“ דירעק־טאָר אין וואַרשע ה׳ נוישטאַט, דעפּוטאַט הרב לעווין, ד״ר דייטשלענדער, אַגודת - הרבּנים, וואַרשעווער שטאָט-פּרעזידענט סלאָמינסקי, סענאַטאָר מענדלזאָן, ד״ר גאָלדקאָרן א.א. די חנוכּת-הבּית פייערונג איז אַדורך זייער אימפּאָזאַנט און איבּערגילאָזט אַ שטאַרקן רושם.

## פּרעסע-שטימין

דאָס בּויען אַ ספּעציעלן בּנין פאַר דער ערשטער אָרטאָדאָקסישער זומער-קאָלאָניע „יהודית“ האָט גי־פינין אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע. גרעסערע אַרטיקלין האָבּן גישריבּן: הרב שמשון שטאָקהאַמער: „דער מאַנגל אין עסקנים“ א״מ ראַגאָווי „מיר בּויען“ א״ז פרידמאַן „צוויי טריט פאָראויס“ בּ. סאָקאָלאָוו „איך בּין זיי בּיידע מקנא“ ש. ראָטשטיין „דלוגאָשאַדלע“ משה מאַרק „בּלימע־לעך אין אונדזער גאָרטן“ א״ג פרידנזאָן „גילייגט אַ יסוד“.

אַלע שרייבּער האָבּן זיך אָפּגישטעלט אויפן חשיבות פון דעם דאָזיקן בּנין פאַר גיזונט פון יידישן קינד און אָנגיוויזן אויפן בּאַטייט פאַר רעליגיעזן חינוך, דורכן פאַרזאָרגן אויך דאָס פיזישע גיזונט פונים יידישן קינד. עס איז אויך אין פיל אַרטיקלין גי־וואָרן אויסגידרוקט אַ דאַנק דעם גרינדער פון דער גיזעלשאַפט „יהודית“ ה׳ יואל אונגער פאַר זיין אומדערמידלעכע אַרבּיט בּיים דורכפירן אַזאַ גראַנד־יעזע אונטערנעמונג.

## סדר־היום פון דער יהודית־קאָלאָניע

7 פרי אויפשטיין, 7.30 פּת שחרית, אַ זעמל מיט טיי.
8 „ דאַווינין, 9 פרישטיק 2 זעמל און בּרויט מיט פּוטער, אַ איי צועס (קעז, סמעטינע, שפּראָטן, קאַ־ליפיאָרן א.ז.וו.), אַ גלאַז קאַקאָ.
10.30—זיין בּעדער.
12 בּייטאָג—אַ גלאַז מילך.
2 מיטאָג—בּרויט, זופּ, פלייש (פון 15—12 דעקאַ) מיט גימיזע, קאָמפּאָרט, טיי אָדער לימאָנאַדע.
3—אַ שעה רו.
4—קאָרעספּאָנדענץ.
5—אָוונט-בּרויט: קוכן מיט טיי.
8 אָוונט—נאַכט-עסן: בּרויט מיט פּוטער, אַן-איי (צו עס ווי אין דער פרי) אַ גלאַז קאַקאָ.
9—שלאָפן.



## ה׳ א. ז. פרידמאַן

פּרעזעס פון „יהודית“

אין די צווישן שעהן: שפּילערייען, גימנאַסטיק, פאָר־לעזונגין און דערציילונגין. מיט יונגלעך אויך לערנין חומש און דינים.



## ה׳ י. אייזנבּערג

גען. סעקרעטאַר פון „יהודית“


# איינשרייבּונגין

אין דער קאָלאָניע „יהודית“ פון יונגלעך און מיידלעך ווערן שוין אָנגינומין:

בּית־יעקב־שול
וואַרשע
נאַלעווקי 37


ארכיון אסופות
הארכיון היהודי



הודפס מתוך הארכיון היהודי

## צו אַלע חשובֿע לערערנס אין די ב"י-שולן

צען יאָר האָבן די בית-יעקב שולן נישט געהאַט קיין ריכטיק ביכל פאַרן יידיש-לימוד. ביי אַלע לערערן-קאָנפערענצן, האָט מע זיך געזשאַליוועט אויף אַ דוחק אין ביכער צום לימוד אין יידיש. ביז עס האָבן אָבער געקאָנט זיין גוטע ביכער, און דער עיקר, פון רעליגיעזע מחברים, האָט עס געמוזט געדויערן. עס זענען נישט געווען פריער די שרייבער פאַר קינדער, און מאַכן ביכער פון פרעמדע קוועלן האָט מען נישט געטאָרט און געמוזט וואַרטן.

די פאַרשטייער פון אונדזער פאַרלאַג „בית יעקב" אין לאָדזש האָבן זיך צוגעהערט צו די אַ״ע גערעכטע פאַרלאַנגען פון דער לערערשאַפט, און אַט האָבן מיר ב״ה שוין די שלימותדיקע ביכער:

# „יידיש לשון."

דערווייל זענען דאָ צוויי חלקים, אָבער אויך די איבעריקע טיילן געפונען זיך שוין אין דרוק. און דאָס געבע דערשיינען ווענט זיך אין יעדער לערערן אַליין.

עס גילט נישט קיין שום תירוצים. „יידיש לשון" מוז ווערן איינגעפירט אין יעדער שול! די לערערן, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון איינפירן „יידיש לשון", טוט אַ גרויסע עוולה די גאַנצע ב"י באַוועגונג. פירן יידיש-לעקציעס אָן ביכער — איז קעגן די עלעמענטאַרסטע פּעדאַגאָגישע פּרינציפּן. אַ לערערן, וואָס לערנט אָן אַ בוך קען נישט אַרויסרופן צו זיך קיין שום דרך-ארץ, נישט מצד די קינדער, נישט מצד וועמען עס זאָל זיין.

אונדזער לערערשאַפט מוז אַרויסווייזן דאָס מאָל אַן-ענערגישע שטעלונג און מחייב זיין די קינדער צו לערנען פון „יידיש לשון", ווי דאָס האָבן שוין געטון די וויכטיקסטע שולן.

גראָד אַצינד אין סאַמע גרעסטן קריזיס, מוזן אונדזערע לערערנס פאַרשטיין ווי צו הייבן דעם פּעדאַגאָגישן ניוואָ פון די בית-יעקב שולן.

פאַרגעסט נישט, אַז איגנאָרירנדיק די ביכער „יידיש לשון" הייסט, פשוט, צוגעלייגט אַ האַנט, חלילה, אונטערצוגראָבן די גאַנצע בית-יעקב"-ליטעראַטור, ווייל אויב אַפילו די קלענצטע צאָל לערערנס וועלן נישט איינפירן די ביכער, וועט געהאַמעוועט ווערן די אַרבעט פון אַרויסגעבן וועלכעס עס איז לערן-בוך פאַר בית-יעקב!

פאַרשטייט-זשע אייער חוב, טוט דערפילן אייער פליכט!

פאַרשטענדיקט זיך מיט אונדז, הייזט אונדז אָן אויף די שוועריקייטן און מיר וועלן אייך העלפן זיי באַזייטיקן!

**איילט צו מיט אייערע באַשטעלונגען!**

**יעדע לערערן באַקומט אויך צוגעשיקט די ספּעציעלע מעטאָדיק פאַרן יידיש-לימוד!**



יונגלעך-גרופּע אויף דער „יהודית" קאָלאָניע




מיידל-גרופּע אויף דער „יהודית" קאָלאָניע



הודפס מתוך הארכיון היהודי

— „פאַר יידישע בירגער האבן מיר נישט קיין פאליציייאישע שוץ, ווי זענען די, וואָס האבן גיזויגן אונדזער בלוט...״

כאַפּט עס דער טייוול!

ער איז אויפגישפרונגגין דער אַלטער, שנעל פאַרשטופט דעם אפינים פיסק, אבער אַלע שטוב־זאַכן האבן פלוצים באַקומען אפינע פיסקים — און בלוטיקע אויגן.

און מיטאַמאָל איז עס גישעען. ס׳האט זיך אויפגיריסן די טיר. פיר פאַרשוין אין ברוינע האַקן־קרייץ־בענדלעך. רעוואַלווערן אין האַנט. דער צעיושיטער סטודענט מיט דער גזשיוועז איז גיגאַנגען פאָרנט־אויס און גיזאָגט:

— אַזוי, יודע... היינט איז די נאכט פון דיין פסח. טויזנטער יאָרן צאַפּט איר שוין אונדזער בלוט, היינט וועלן מיר צאַפּן דיינס.

ער האט עס גיזאָגט קאַלט, „וויסנשאַפטלעך״ לויט דער טעאָריע. אבער אין דער מינוט איז עפּיס גישעען. מיט צושויבערטע האָר און ברענידיקע אויגן איז אַריינגיפאַלן פון צווייטן צימער אַ יונג בלאָנד מיידל, טיצס טאכטער אויפגיוועקט פון שלאָף.

— אַך ג—ט! פריץ דו? האט זי זיך גיוואַקלט אויף די פוס און דער יונגער סטודענט איז פלוצים גיוואָרן בלייך און זיך אָנגילענט אין די וואַנט. דער זעלנער האט זיך פלוצים אויסגיצויגן און סאַלוטירט: — מעלדע גיהאָרזאַם — די „דייטשע קולטור״...

און דאָ איז עפּיס גישעען, דער צושויבערטער סטודענט איז ווי ווילד גיוואָרן מיט די קולבע פון רעוואָלווער האט ער אַ שטויס גיטון דאָס יונגע מיידל אַז זי איז אומגיפאַלן.

— ניין, איז זיין קול גיוועזן הויל און ווילד, איך בין נישט מער פריץ און די פרידל. אוניווערזיטעטס־קאָלעגן, „פילאָזאָפיע״ טפוי.

דאָס איז דאך אייער יידישע פאַרפלוכטע ערפינדונג, אונדז שוואך צו מאַכן, אונדז צו פאַרווייכן, „פאַרוויבלעכן״. אייער „קולטור״, „גייסט״ איר האט עס אויף דער וועלט גיבראַכט, כדי איר, די „פיזיש שוואַכסטע״ זאָלט קענען רעגירן. אַ רוח אין אייער... טויזנטער יאָרן האט איר אַזוי פאַרסמט אונדזערע אַרישע און אַלימפּ־אויפגיכאַוויטע נשמות. איר האט אונדז אויפגיצוואונגען אַ ג—ט, אַ גלויבן — טפוי... מיר ווילן זיין פרימיטיווע, אור־ווילדע חיות־מענטשן אַזוי ווי אונדזערע אבות, בלויז גופים. מיר ווילן זיין געצנדינער, מיר זענען יורשים פון די אַלטע קרייץ־ריטער, „רויב־ריטער״ — און מיר קענען נישט מיין נאר ציין און נעגל, ציין און נעגל און מיר דאַרפן אייער בלוט — איר פאַרפלוכטע יידן־קינדער. —

*

אט אַזוי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער אַלטער טיץ האט אַליין נישט גיוואוסט, ווי לאַנג ער האט אַזוי גיקניט אויף דער ערד, צוגיבונדן מיט רימנס צום בעט, מיט היטלערס בראַנדזינע סטאַטוע אין האַנט און אַזוי גישריגן „הייל היטלער״ אין אפינים פענצטער ביז צום פאַרכריפּיט ווערן.

אבער אין שטוב איז שוין קיינער נישט גיוועזן. ער האט נאר גיפילט, אַז זיין פנים איז גיוועזן נאַס און קלעביק — בלוט, אומיטום בלוט.

און מיטאַמאָל איז פאַר זיינע אויגן פון ערגיץ אויפגישוואומען דאָס גישטאַלט פון יענים אַלטן ייד, וואָס ער האט אַנומלט גיזעען ביי זיך אין גישעפט. ס׳איז וואונדערלעך, וואָס ער האט אים ערשט דערזעען אין יענע מינוט, ווען דאָס שוי־פענצטער האט גיפּלאַצט. ער האט דאך שוין גימוזט דאָ לאַנג שטיין אַזוי... און איצט צואוואַקסט זיך דאָס גישטאַלט איינציקווייז, ווערט גרעסער, גרעסער, אַ לאַנגע ווייסע באָרד, אַ זעלכע טיפע אומיטיקע אויגן. וואו האט ער שוין דאָס אַלץ גיזעען, ערגיץ לאַנג, לאַנג מיט דורות צוריק. יא, ער זעט עס. ערגיץ אין אַ ווייט דייטש שטעטל. פאַר הונדערטער, הונדערטער יאָרן, ביי זיין עלטער־עלטער זיידן אין שטוב די הייליקע נאַכט, פסח־נאַכט.

אַ כאַלאַסטרע ווילד־צויאַכמערטע פנימער·

אַ טויט קינד.

בלוט, בלוט.

ער זעט זיי — די פאַרשוינען.

אט אַ זעלכע — ווי זיי זענען דאָ ערשט גיוועזן. ווילדע, שכורע אויגן. ציין און נעגל.

יא, און אויך זיין זיידן זעט ער. ער האט דאָס אויסזעען פון יענים פרעמדן, אַלטן ייד. גראָ־לאַנגע באָרד, טיפע ומיטיקע אויגן, אַ ווייסער קיטל.



יא, אבער ער, ער הערמאַן טיץ — וואָס טוט ער דאָ אין דערמיט, סאַרע שייכות האט ער מיט דעם אַליס?

און אַז ער האט פלוצים דערזעען ·זיין בלאָנד צושויבערטע טאכטער, וואָס האט זיך קראַמפּהאַפט גיוואָרפן אין היסטעריע — האט ער גיזאָגט אַזוי צו זאָגן און נישט גיוואוסט אייגנטלעך צו וועמען ער זאָגט דאָס; ער האט בלויז צוגיענדיקט זיינע מחשבות:

— המ... די קרייץ־ריטער זענען דאָ — דער בלוט־בלבול איז דאָ — אבער וואו זענען מיר?

יא, זיי קערן צוריק... צוריק צו זייערע אבות די ווילדע „רויב־ריטער״ מיט ציין און נעגל — אבער מיר — צו וועמען קערן מיר צוריק — וואו קערן מיר צוריק?...

ד.

אין זיין טונקלין בוידים שטיבל, וואָס אויף גרענאַדיר־שטראָסע, זיצט חיים שלמה ביים סדר אין אַ ווייסן קיטל. פאַר אים ליגט אַ פאַרגעלטע הגדה. הונדערטער יאָרן איז זי שוין אַלט די הגדה. דורות האבן שוין אין איר זייער בלוט און טרערן איינגיזאַפּט. און אַז אין דרויסן ברומט א ווילד גיהייל — אונטער די פענצטער פראַווען ווילדע חיות — ארגיצס, שרייען נאך „יידן־בלוט״ — וואָס גייט עס אים אָן, אים חיים שלמהן?

ער איז איניווייניק רואיק. א, ער קען שוין דאָס אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג. הונדערטער יאָרן, טויזנטער יאָרן, איז שוין אַזוי גיוועזן. די זעלבע בלוט דורשטיקע רוימער, בלוט און טויט. ווער מיר יאָרן — וואָס מיר יאָרן? ווער מיר לענדער — וואָס מיר לענדער? ווער מיר קולטורן — וואָס מיר קולטורן?

בלוטיקע שאָטנס — טאַנצן דורך דורות...

זינט ג—ט ברוך הוא האט גיצייכנט די יידישע טירן מיט בלוט, ציען זיך אַזוי בלוטיקע יאָרן אונטער די טריט פון ישראל.

„און נישט איינער איז אויפגישטאַנען אונדז צו פאַרלענדן״...

ווי לאַנג קלינגט שוין די דאזיקע שטימע, ווי לאַנג שאָקלט זיך זיך די גראָע באָרד ווידער פאַר די פאַרגעלטע הגדה אָנגיזאַפּט מיט בלוט און טרערן?

„און איך בין דורכגיגאַנגען איבער דיר און גיזען דיך קייקלין אין דיין בלוט און איך האב דיר גיזאָגט אַזוי: אין דיין בלוט זאלסטו לעבן״...

עמיץ דערנענטערט זיך, ווילדע קולות. קלאַפּט אין טיר. „יודא פאַרעקע״! און — אויף קיין איין־מינוט איבערהייסט איך נישט די שטים: „און איך האב דיר גיזאָגט אַזוי: אין דיין בלוט זאלסטו לעבן״...

---

## אַ כינעזיש פרילינג־ליד

ווי אַ וואונדערלעך גימעל איז די אזערע,
אין דער צייט פון פרילינג.
בערג הויך און נידריק,
נעמין ארום דעם וואַסער־שפּיגל.

יאַדליס שטייען אויסגישטעלט
אין גרינע שורות,
און ווי אַ פּערל שיינט די לבנה
אויף די שטילע כוואַליס,

אויף גרינע פעלדער שפּראָצט,
דער פרישער רייז,
ווי פאָנין פון גרינים זייד,
שאקלין זיך די גראָזן.

**אליעזר שינדלער**

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי



הודפס מתוך הארכיון היהודי

וועקט אים דער רב אויף פון זיין פארגאפטקייט:

— ס'איז שיין?

— זייער שיין! ענטפערט דער קיניג.

## וואס נאך האט דאס שפיגעלע באוויזן?

מאכט דער רב:

— אפשר וויל דער קיניג זעען זיינע אייגינע מדינות און שטעט? אויב דער קיניג וויל — זאל ער זאגן, וועט ער זעען.

ענטפערט דער קעניג: „יא, איך וויל זעען מיינע אייגינע מדינות און שטעט".

און ווי ער רעדט עס ארויס פון מויל, אזוי זעט ער: אין שפיגעלע האט זיך דאס בילד גלייך אומגיביטן. ס'האט זיך אויסגישפרייט א שטיק לאנד פאר די אויגן, מיט שטעט און מיט דערפער, מיט גערטנער און מיט סעדער צווישן זיי מיט טייכן און מיט לאנקעס ארום זיי. און אויף די לאנקעס פיטערט זיך פי, און פויערים ארביטן אויף די פעלדער און פישער שפרייטן נעצן איבער די טייכן, און קאראוואנעס ציען זיך איבער די וועגן.

שטייט דער קיניג און קען זיך נישט צו זאט אנקוקן. ביז איצט האט ער קיינמאל נישט גיזעען אלע זיינע מדינות אין זייער גאנצער גרייס פאר אמאל. און איצט ווען ער האט זיי גיקאנט מיט איין בליק פון אויג אלימין ארומנעמען מיט איין מאל, האט ער ערשט פארשטאנען, ווי גרויס זיין קיניגרייך איז, און ווי רייך און מצליח ער איז.

נאר דער רב רייסט אים פלוצלונג איבער די גידאנקען:

— וואס, ס'איז שיין?

— זייער שיין! — שרייט דער קיניג אויס אנ'אנטציקטער.

## און וואס דאס שפיגעלע האט נאך גיוויזן

זאגט דער רב:

— דאס שפיגעלע קאן באווייזן די הויפט שטאט, וואו עס שטייט דעם קיניגס שלאס, מיט אלע אירע גאסן, פלעצער און מערק. אויב דער קעניג וויל, זאל ער זאגן, וועט ער זעען.

זאגט דער קיניג: „יא, איך וויל זעען מיין הויפט שטאט מיט אירע גאסן, פלעצער און מערק".

און ווי ער רעט עס ארויס פון מויל, אזוי זעט ער: אין שפיגעלע האט זיך דאס בילד שנעל גיענדערט. עס האט זיך דאס בילד שנעל גיענדערט. עס האט זיך אנטפלעקט א גרויסע, שיינע שטאט, מיט א שטארקע פעסטונג ארום איר. שיינע לאנגע גאסן האבן זיך גיצויגן פון איין פלאץ צום צווייטן, און אויף די פלעצער האבן זיך גיהויבן גרויסע קלויסטערס מיט הויכע גלאקן-טורימס. און גרויסע מערק האבן אין פארשידינע טיילן פון שטאט גיקאכט און גירוישט פון המונים קויפער און פארקויפער. דער קיניג האט דערקענט יעדע גאס און יעדן בנין.

זאגט דער רב צו אים:

— אפשר וויל דער קיניג זעען זיין אייגינים פאלאץ און די סאליס אין וועלכע עס גיפינט זיך איצט זיין קיניגין? אויב דער קיניג וויל, זאל ער זאגן וועט ער זעען.

ענטפערט דער קיניג: „יא, איך וויל זעען די סאלעס, וואו מיין קיניגין גיפינט זיך איצט".

האבן זיך אין שפיגעלע באוויזן ברייטע זאלן מיט גאלדינע טאפעטן מיט טייערע טעפיכער אויף די דילן מיט סאמיטינע און פלושינע פארהאנגין אויף די טירן און אויף די פענצטער, און אין איינים פון די דאזיקע זאלן זיצט די קיניגין אויף א גאלדיגים שטול, און לעבן איר שטייט דער ערשטער מיניסטער פון דער קיניגרייך. קוקט דער קיניג אויף זיי, און אים דאכט זיך, אז אט שטייען זיי לעבן אים, נאר איין טריט ווייט. ער זעט, ווי ביי זיי באוועגן זיך די ליפן נאר הערן וואס זיי רעדן — הערטער נישט.

פרעגט דער רב ביים קיניג:

— אפשר וויל דער קיניג הערן, וואס רעדן די קיניגין מיט דעם ערשטן מיניסטער

— טא זאל זיך דער קיניג אנבויגן נענטער צום שפיגעלע.

בויגט זיך דער קיניג אן איבערן שפיגעלע און ער הערט דער קיניגינס קול ווי זי וואלט דא אין צימער גירעט, און אויך אזוי קלאר הערט ער דעם מיניסטערס קול. דער מיניסטער רעט צו דער קיניגן:

— אז דער קיניג וועט צוריק קומין פון וועג, דארפסטו מיר העלפן ארייננארן אים אין תפיסה און טויטן אים. און מיר וועלן ביידע חתונה האבן, און איך וועל ווערן קיניג איבערן לאנד, און איך וועל דיך טייער האלטן, ווי דאס אויג אין קאפ.

ענטפערט די קעניגין דעם מיניסטער דערויף



— איך וועל מיט דיר נישט חתונה האבן און וועל דעם קיניג נישט טויטן. איך וועל מיין מאן גיטריי בלייבן ביז מיין טויט.

זאגט דער מיניסטער מיט גרויס צארן: — אויב אזוי, זאלסטו שוין שטארבן, כדי דו זאלסט מיך נישט פארמסרן פארן קיניג. און ער ציט ארויס זיין שווערד פון שייד און הייבט זי אויף איבער דער קיניגינס קאפ.

דער קיניג דערהערט עס אין שפיגעלע און ווערט שטארק צוקאכט, דער כעס צופלאמט זיך אין אים ווי א פייער, און ער כאפט זיין רעוואלווער צילט זיך אן אויף דעם מיניסטער אין שפיגעלע און שיסט אויס. עס דערהערט זיך א קלאפ און דאס שפיגעלע צופאלט אויף הונדערט קליינע שטיקלעך.

בלייבט דער קיניג שטיין א צומישטער — וואס האט ער דא אפגיטון! — נאר דער רב לאכט. — קיין שאד, קיין שאד. סיי ווי וואלט דאס שפיגעלע מער גארנישט באוויזן.

בארואיקט זיך דער קיניג און הייבט אן לאכן.

— אט ווי מען קען עס אמאל פון א נארישקייט ווערן אויסער זיך! — זאגט ער. — איך האב גאר דעם זיניך פארלוירן און פארגעסן, אז דאס איז אלץ גאר א פארבלענדיניש, און איך בין אין כעס גיווארן אויף אנ'אמת. איצט זיי גיזונט, איך דארף זיך שוין אומקערן אהיים.

— זאל דער קיניג פארן מיט גליק — זאגט דער רב — אין א וואך ארום וועל איך צו אים קומין צו גאסט.

— מיטן שענצטן כבוד, — זאגט דער קיניג — זאלסט למען השם קומין, איך הייס מאכן לכבוד דיר א שיינים מאלצייט.

— זער אנגינעם — ענטפערט דער רב — נאר זאל מיר דער קעניג געבן דאס ווארט, אז ביז איך וועל קומין, וועט ער קיין דעקרעט פון זיינע מיניסטארן נישט אונטערשרייבן.

— איך גיב מיין ערן ווארט — זאגט דער קיניג.

און ער גיזעגנט [illegible] דעם רב און מיט די רביצין און פארט אוועק אין הויפט־שטאט ארײַן צו זיין הויף.

## פון שיר השירים

— — — — — — — — —

זע דער ווינטער איז אוועק
דער רעגן אריבער
און פארגאנגין.

— — — — — — — — —

די בלומין ווייזן זיך
אויף דער ערד.

די צייט פון גיזאנגין
איז גיקומין.

— — — — — — — — —

און דאס קול פון דער טורטלטויב
לאזט זיך הערן
אין אונדזער לאנד.

דער פייגנבוים צייטיקט
די יינגע פירות זיינע,
די בליענדיקע ווייַנשטאקן
פארשפרייטן זייער ריח

— — — — — — — — —

א. שינדלער



הודפס מתוך הארכיון היהודי

עמוד 14 מתוך 20

